„רעפּערטואַר"
פּערלאַג ווילנא.

חיים ראַפּאַלאָוויטש.

צום ערשטען מאל.

אַ קאָמעדיע אין איין אַקט.

ווילנא–תרע"ד.

דרוקעריי ראָזענטאַל און קאָמפּ. זאַוואַלנע 83.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY
685

פערלאג „רעפערטואר“ ווילנא.

תרע"ד.

ЦУМЪ ЭРШТЕНЪ МОЛЪ

т. е. Въ Первый разъ

Комедія **Х. Рафаловича.**

Вильна, 1913.

אַלֶע רעֶכט פאָרבעֶהאַלטעֶן.

פערזאנען:

ליזער פעדער.
סאניא—זײַן פרוי.
יאסעל—זיין חבר.
שמעריל באָרד.
גרונע—זיין פרוי.

אַנ׳עֶס-צִימֶער בּײַ לײזער׳ן. אײנפאַך מעֶבּליִרט-נוּר מיט אַ געֶשמאַק. בּײַם שרײַב-טישעֶל, וואָס שטעהט אין ווינקעֶל צימעֶר, זיצט לײזעֶר און שרײַבּט. סאָניאַ ליעגט אויפ׳ן זאָפעֶ מיט אַ בּוּך אין האַנד, אָבּעֶר זי לעֶזט עס ניט, פוּן צײַט צוּ צײַט געֶנעֶצט זי.

סאָניאַ (נאָך אַ לעֶנגערעֶ פּויזעֶ): דוּ ווײסט, לאַזאַר, וואָס איך האָבּ ערשט בּעֶטראַכט? — מײַן גרויעֶ קלײד, וואָס איך האָבּ, קאָן איך דאָך איבּעֶרמאַכעֶן און כ׳וועֶל נאָך האָבּעֶן א גאַנץ פײַנעֶ קלײד — איך וועֶל איהר שמעֶלעֶן — מאַכעֶן איהר „שאַנטעֶקליעֶר״...

לײזעֶר (פּערטיעפט אין שרײַבּעֶן און ענטפעֶרט איהר קײן וואָרט ניִשט).

סאָניאַ (מיט כּעס): לאַזאַר!

לײזעֶר (אַ צוּשראָקעֶנעֶר—דערלאַנגט זיך אַ האַסטיגעֶן הויבּ פוּנ׳ם אָרט): וואָס איז? —

סאָניאַ: איך רײד צוּ דיר און דוּ הערסט זיך אַפילוּ גאָר ניט אײַן...

לײזעֶר: איך הער, כ׳הער — און דרעֶה מיר קײן קאָפּ ניט! (ער שרײַבּט ווײַטעֶר).

סאָניאַ: טאָ אַדרבּא — זאָג מיר אויף אַ טשעֶקאַוועֶס טאַקעֶ, וואָס האָבּ איך דאָ געֶרעֶדט? —

לײזעֶר (שרײַבּעֶנדיג): ווײס איך — דוּ האָסט דאָ עפּעֶס געֶרעֶדט וועֶגעֶן ראָסטאַנ׳ס דראַמעֶ „שאַנטעֶקליעֶר״.

סאָניאַ: גוּט שבּת, בּרײַנעֶ! — רעֶטעֶך איז טײַעֶר...

לייזער (אויפגערעגט): לאז מיר אבער שרייבען לאז! וואס ווילסטו פון מיר האבען? — אז דו רעדסט—קאן איך דאך ניט שרייבען...

סאניא: טא זאל איך דיר זיצען א גאנצען טאג און שטומען? —

לייזער: אט באלד ענדיג איך שוין—נאך איין ווילע (ער שרייבט).

סאניא: גאנצעניע טעג און נעכט זיצט ער דארטען אב ביי זיין טישעל און „פישעט" — און איך האב אפילו ניט מיט ווע{מען} א ווארט אויסצו ריידען... (פויזע).

לייזער: סאניאטשקע! הער זיך איין—ווי קאן מען זיך אזוי אויסדריקען: און ווען ער האט זיך אויפגעהויבען האט שוין אנגעהויבען צו טאגען—הא?

סאניא: פארוואס זאל מען דען ניט קאנען?

לייזער: כ'וייס—עפעס אנגעהויבען און אויפגעהויבען איינע נאך די אנדערע קלינגט ניט אזוי גוט...

סאניא: אויף געוויס ניט. אין איין זאץ טאר זיך ניט איבער'חזר'ן די זעלבע ווערטער. דא קומט דאך אויס צוויי מאל דאס ווארט הויבען.

לייזער: דא איז דאך אבער, פערשטעהסטו מיך, אין גאנץ בעזונדערע בעדייטונגען; אויפגעהויבען איז אנ'אנדער זאך און אנגעהויבען איז ווייטער אנדערש.

סאניא: טא איז וואס, אז ס'איז אין פערשידענע בעדייטונגען—אבי דא חזר'ט זיך דאך איבער דאס ווארט הויבען צוויי מאל.

לייזער: איז זאגסטו, הייסט דאס, אז ס'טויג ניט?—

סאניא: נו, פערשטעהט זיך. ווער שרייבט דאס אזוי?

לייזער: טאָ ווי קאָן מען דאָ אַנדעריש איבערמאַכען?
(ער מעקט און שרייבט. פויזע).

סאָניאַ: לאַזאַר! דו האָסט נעכטען בעמערקט, ווי דער הויכער אָפיציער—אָט דו ווייסט דאָך, מיט'ן שוואַרצען בערדעל — האָט מיר די גאַנצע צייט נאָכגעקוקט, ווען מיר זענען געגאַנגען שפּאַצירען?

לייזער (מיט שמחה): ס'איז גוט! — געפּאַקט!

סאָניאַ (פערוואונדערט): וואָס איז גוט? וואָס האָסטו געפּאַקט?

לייזער: הער זיך איין! — מיר דוכט, אַז איצט וועט שוין גוט זיין (ער לעזט): און ווען ער האָט זיך אויפגעהויבען האָט שוין אָנגעפּאַנגען צו טאָגען. נו, גוט אַזוי?

סאָניאַ: גוט.

לייזער: הייַנט זעהסטו, וואָס דאָס איז אַמאָל איין וואָרט—דאַכט זיך, איין וואָרט איז דאָך גאָרניט מיט גאָרניט — האַ? און פונדעסט-וועגען, אַז דו פּאַקסט איהם ניט ריכטיג דעם וואָרט—איז ניט פון אָרט. (ער שרייבט ווייטער).

סאָניאַ: פאַר וואָס אָבער פּאַקסט דאָס פאַר מיר קיינמאל קיין וואָרט ניט?—

לייזער: נו, דו לאָזט מיר דאָך שוין ווידער ניט שרייבען!... איך האָב דיר דאָך שוין אַמאָל טויזענד געזאָגט, אַז בשעת דו רעדסט — איז פאַר מיר אונמעגליך צו שרייבען...

סאָניא (מיט א ווייַנענדען טאָן): ווען איך בין נאָך דיין כּלה געווען, פלעגסט זיך בעטען ביי מיר, אַז איך זאָל ריידען... און הייַנט זיץ אַ גאַנצען טאָג און שטום... איך וויל ניט! כ'וויל ניט! (זי ווייַנט).

לייזער (צוגעהענדיג צו איהר): סאָניעטשקע, בערוהיג זיך! נו, זאָג אַליין, וואָס האָסטו זיך איצט

פונאַנדערגעווייַנט? — דיר וועט דאָך אויך גוט זיין, אַז איך וועל אַ שרייבער ווערען...

סאָניאַ: דו וועסט אַזוי ווערען אַ שרייבער, ווי איך — אַ רביצין...

לייזער: נו, סאָניעטשקע, פאַר וואָס זאָלסטו מיר אומזיסט אָבעסען דאָס האַרץ? דו וועסט נאָך אַליין זעהן, ווי איך וועל דאָס ווערען אַ גאָר אַ גרויסער שרייבער (ער נעהמט איהר אַרום).

סאָניאַ (אָבשטויסענדיג איהם פון זיך): טשעפּע זיך אָב פון מיר מיט דיינע שרייבערייַ! וואָס האָב איך פון דעם? איך האָב דאָך ניט אַפילו מיט וועמען אַ וואָרט איבערצורייַדען...

לייזער: אָט באַלד פערענדיג איך די זאַך — וועל איך זיך שוין קאָנען מיט דיר פערברייַנגען אַ ביסעל.

סאָניאַ: וועסטו געהן נאַכהער שפּאַצירען?

לייזער: יאָ, איך וועל געהן.

סאָניאַ: און הייַנט וועלען מיר דאָך אויך שפּאַצירען אין דער זעלבער אַלעע, אַוואו מיר האָבען נעכטען געשפּאַצירט — יאָ?

לייזער: נו, גוט. (ער נעהמט איהר אָן פאַר'ן האַנד): הייַנט זאָג אַליין — דאַרף מען אין בעס זיין? — דו לאָז מיר אַקאָרשט אַ שרייבער ווערען, וועסטו שוין זעהן, ווי גוט דו וועסט זיך דאָס אַנאָכדעם קאָנען פערברייַנגען — ווער וועט דאָס זיין אין דיין גלייכען?

סאָניאַ: קיין קרומער אַודאי ניט...

לייזער: ניין, טאַקע ערענסט, אָט וואו נור דו וועסט געהן, וואו נור דו וועסט שטעהן, וועלען דאָך אַלע אויף דיר מיט די פינגער טייַטלען און זאָגען: איהר זעהט אָט די פרוי? — ווייסט איהר, ווער זי איז? דאָס איז דאָך אונזער גרויסען שרייבערס פרוי...

סאָניאַ: ווען אָבער וועט זי שוין דאָס אָנקומען אָט די גוטע צייט? איך האָב מורא, אַז קיינמאָל ניט...

לייזער: סאָניאַטשקע! פאַרוואָס זאָלסטו האָבען אַזאַ ניט קיין גוטען נאַטור — אַלסדינג צום שלעכטען אויסצולייגען? — איך בין זיכער, אַז די צייט וועט געוויס קומען—איז ניט איצט — איז שפּעטער, — מ'מוז קאָנען וואַרטען... אָהן צייט, ווייסט דאָך אַליין, איז קיין צייט ניט... ביסלעכווייז, ביסלעכווייז דערנעהענטערט מען זיך פאָרט צום ציעל— רום איז דאָך אויך ניט מיט איין מאָל אויפגעבויט געוואָרען...

סאָניאַ: ביסלעכווייז! שוין שעהנע עטליכע יאָהר ווי דו שרייבסט—און ס'איז נאָך דערווייל קיין זאַך ניט געדרוקט געוואָרען...

לייזער: ס'וועט נאָך געדרוקט ווערען אויך—און ס'קאָן גרייליך זיין, אַז שוין גאָר גאָר קורצליך... ווען איך וואָלט וויסען, אַז דו קאָנסט אַ סוד האַלטען, וואָלט איך דיר איצט פערטרויען וואָס—

סאָניאַ: וואָסערע סודות האָסט דאָס אַזעלכע, אַז דו האָסט דאָס מורא דיין אייגענע פרוי אפילו צו דערצעהלען?! —

לייזער: דו זאָלסט דאָס אָבער קיינעם ניט איבער־דערצעהלען—איך בעט דיך!—יאָסלען אַפילו אויך ניט—איך רעכען, אַז די טעג וועט געדרוקט ווערען מיינע אַ זאַך אין צייטונג...

סאָניאַ: דו רעכענסט?—וועלכע זאַך?

לייזער: דו געדענקסט—יענע וואָך איז דאָ געווען אַ הענדלער פון אַלטע זאַכען?

סאָניאַ: זיי קומען דאָ אַלע טאָג אָט די הענדלער.

לייזער: אָבער ווייסט דאָך—דער הויכער, קראַנקער

איד, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער קען
מיך שוין נאָך אַ יאָדער איך בין נאָך גאָר געבאָ-
רען געוואָרען אַפילו... אָט מיט וועמען
איך האָב דאָ אַ לאַנגע צייט גערעדט—
שמעריל באָרד רופט מען איהם—איז אָט
וועגען איהם טאַקע, אָט וועגען דעם זעלבינגען
שמערלען האָב איך אַריינגעשריבען אין בלאַט.
(פון פאָדער-צימער הערט זיך אַ קלונג. לייזער דערלאַנגט
זיך אַ האַסטיגען הייב) : דער בריעף-טרעגער (ער
לויפט אַרויס און קומט גלייך אַריין צוריק צוזאַמען
מיט יאָסלען).

יאָסעל (אַריינגעהענדיג) : ס׳איז היינט אַזאַ שעהנער
טאָג און איהר זיצט זיך גאָר אין שטוב!—
מעהר ווי ביי אַ יונגע פאָר-פאָלק קאָן דאָס
טאַקע ניט טרעפען... (ער בעגריסט זיך מיט סאָניאַן).

לייזער: דו ווייסט, יאָסעל, אַז איך האָב היינט
בעקומען אַ בריעף פון רעדאַקציע?

יאָסעל: נו, וואָס שרייבען זיי דיר?

סאָניאַ: זעצט זיך! פאַרוואָס שטעהט איהר? (זי
דערלאַנגט איהם אַ שטול).

לייזער: זיי שרייבען מיר, אַז די טעמאַ איז גאָר
אַ גוטע—נור ס׳איז נאָך ניט אַזוי גוט
בעאַרבייט.

יאָסעל: וועבט זיך דאָך, מסתמא, איצט נעהמען
אויף צו בעאַרבייטען, בעסער?

לייזער: געריכטעט זיך. אָט האָב איך שוין היינט
אויך אַ סך איבערגעשריבען. איך רעכען,
אַז די טעג זאָל שוין דאָס פאַרטיג ווערען.

יאָסעל: און מיר ענטפערען זיי גאָר-ניט פון דער
רעדאַקציע...

לייזער: דו מיינסט אפשר, אַז מיר פלעגען זיי די
ערשטע צייט ענטפערען? ב׳דויכט זיך גאָר-

ניט אָן. איך פּלעג די רעדאַקציעס מיט קאַרטלעך פּערוואַרפּען, און זיי פּלעגען מיר אַפילו קיין ענטפער קיינמאָל נישט געבען...
איינמאָל, געדענק איך, האָב איך יאָ בעקומען אַן׳ענטפער — נור ווייסטו, וואָס זיי האָבען מיר געשריבען? — אַז ס׳איז אַ שאָדען די עטליכע קאָפּיקעס, וואָס איך גיעב אויס אויף פּאַפּיר מיט מאַרקעס—דו הערסט אַ מעשה!... איך אָבער האָב מיין האָפענונג נישט פערלאָרען. איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ביי וועמען ס׳איז נור פאַרהאַן דער אמת געטליכער פונק, ביי דעם וועט שוין דאָס קיינמאָל ניט פערלאָשען ווערען. זאָלען אַלע אין איין קול שרייען, אַז ס׳טויג ניט און טויג ניט, אַז ס׳איז אומזיסט די מיה — ער אָבער וועט זיך זיין היילינע אַרבייט ווייטער טהון. פון אונזערע נביאים פלעגט מען דאָך אויך די ערשטע צייט זיך אויסלאַכען...

סאָניאַ: דו גלייכסט זיך שוין גאָר צו די נביאים! —

לייזער: ניין; איך נעדם דאָך דאָס מעדר ניט אַלס אַ משל. איך זאָג, אַז מען טאָר די מוט ניט פערלירען און מען מוז אַרבייטען און אַרבייטען.

יאָסעל: יאָ, דיר איז גאַנץ לייכט צו זאָגען—אַרבייטען און אַרבייטען, ווען דו האָסט זיך דיר דיין אייגענעם וואוינונג מיט אַ ליעבענדע פרוי און קיינער שטערט דיך ניט—האָטש זיץ אַ גאַנצען טאָג און שרייב! איך אָבער האָב דאָך דאָס קיין זאַך ניט—ווי נור איך זעץ זיך מיר אַוועק שרייבען—גלייך שטערט מען מיך...

סאָניאַ: טאָ האָט שוין אויך התונה.

לייזער: כאָניאַטשקע! פאַרוואָס גיסטו דאָס גאָר

עפּעס קען זאַך ניט אין מויל צו נעהמען?

סאָניאַ: ב'האָב גאָר פערגעסען—ב'טראָג שוין אַריין.
(זי נעהמט אַרויס אין אַן'אַנדער צימער).

יאָסעל: צו וואָס דאַרף מען דאָס?—ס'איז אַ גאַנץ איבעריגע זאַך.

לייזער: יאָסעל! ס'קאָן גרייליך זיין, אַז די טעג זאָל איך געדריקט ווערען...

יאָסעל: וואָס רעדסטו!—וועלכע זאַך האָסטו דען איינגעשיקט?

לייזער: הער זיך איין!—דו וואָלסט דאָס אָבער קיינעם ניט דערצעהלען, סאָניא'ן אַפילו אויך ניט!—יענע וואָך איז דאָ געוועזען ביי מיר איינער אַ הענדלער — שמעריל באָרד. ער האָט זיך פאַר מיר אויסגערעדט אַביסעל זיין ביטער האַרץ און זיך בעקלאָגט אויף זיין פינסטערען מזל. ער איז, נעבעך, אַ קראַנקער, אַ שוואַכער און דערצו נאָך אַ גרויסער בעל-מטופל. פערדינען פערדינט ער די לעצטע צייט זעהר ווייניג און האָט צרות פון אַלע זייטען. עפּעס די פיס זיינע וועגען איהם געוועזען אָבגענומען—מילא מיט איין וואָרט: צרות. איך האָב איהם בכין אַלסדינג אַזוי אויספיהרליך אויסגעפרעגט, ווייל איך האָב זיך מיר געטראַכט, אַז דאָס קאָן זיין אַ טיפּ פאַר אַ גוטען ערצעהלונג-- נאָך זיין אַוועקגעהן איז ביי מיר אין געדאַנקען בעשאַפען געוואָרען אַ נייע אידעע: איינצושרייבען אין צייטונג וועגען איהם אַן'אויפרוף— פאַרוואָס זאָל מען מאַכען אין דר'אמת'ן אַזוינעם ניט העלפען? (סאָניאַ טראָגט אַריין פרוכט).

סאָניאַ: ני, לאָזט זיך ניט בעטען.

יאָסעל: ב'דאַנק.—אַ פערגעניגען ביי אייך צו קומען—אַלע טאָג ניט איהר גוטע זאַכען.

סאָניאַ: איז פאַרוואָס, הייסט דאָס, האָט איהר פאָרט ניט חתונה?

יאָסעֶל: איךְ קאָן דאָס נאָךְ נ ט.

סאָניאַ: וואָס הייסט?—

יאָסעֶל: ווייל איךְ בּין בּיי דער־מיינונג, אַז דער מענש, וועלבּער האַלט אין וואַקסען, וועלכער שטרעבּט זיךְ צו ענטוויקלען אַלס מעהרער און מעהרער און וועלכער וויל נאָךְ פּראָגרעסירען— טאָר נישט, פאַר קיין אופן אויף דער וועלט, חתונה האָבּען. נו, שטעלט זיךְ פאָר: ער וועט היינט נעהמען אַ מיידעל און מיט איהר חתונה האָבּען—ער וועט וואָס פון טאָג געהן אַלץ וויטער און ווייטער, זי אָבּער וועט דאָךְ בּלייבּען שטעהן אויף איין אָרט. ס׳וועט אַוועקגעהן אַ פּאָר יאָהר צייט און זיי וועלען ווערען איינער פון׳ם אַנדערען אַזוי ווייט, אַז זיי וועלען זיךְ פּשוט ניט קאָנען פערשטעהן... אָט דעריבּער טאַקע זאָג איךְ, אַז אונזערע מענשען טאָרען זיךְ ניט אײלען חתונה צו האָבּען.

סאָניאַ: איז נאָךְ אײער מיינונג האָט לאַזאַר אויךְ ניט געטאָרט חתונה האָבּען?

יאָסעֶל: וואָס גלייכט איהר מיר צו לאַזאַר׳ן!— שעהנע עטליכע יאָהר וועלען נאָךְ דאַרפען אַוועקגעהן בּיז איךְ וועל זיךְ מיר גאָר קאָנען גלייכען צו איהם. איהר דאַרפט דאָךְ ניט פערגעסען, אַז אײער לאַזאַר איז...

לייזער (לאָזט איהם ניט ענדיגען): יאָסעֶל! דעם ליעד, וואָס דו האָסט נעכטען אָנגעהויבּען צו שרייבּען, האָסטו שוין געענדיגט?

יאָסעל: ניין נאָךְ. ס׳האָט זיךְ דאָרטען בּיי מיר איין שורה פערהאַקט און כ׳קאָן ניט אַרויסקריכען.

סאָניאַ: איז ווען מיינט איהר פאָרט חתונה צו האָבּען?

יאָסעֶל: כ׳האָב דאָךְ דאָס קיינמאָל ניט בּערשפּעטיגען.

לײזער: סאָניאַ! װאָס דערהערסטו דאָ איצט אַ מה מיט נאַרישקײטען?—לאָז רײדען!

סאָניאַ: התונה האָבען איז בײַ דיר פון די נאַרישקײטען?

לײזער: פון די קלוגע זאַכען איז געװיס ניט.

סאָניאַ: גאָר אַזױ!—און דו מײנסט אפשר, אז דו דאָסט אױך געטון אַ נאַרישקײט?

יאָסעל: װעגען זאַכען, װעלכע װעגען שױן אָבגעטון געװאָרען, איז דאָך גאָר איבעריג צו רײדען...

סאָניאַ: נײן, כ'װיל דאָס מאַקע װיסען... לאָזאַר!—

לײזער (שמײכלענדיג): און װאָס װעט שױן זײן, אַז דו װעסט װיסען?

סאָניאַ: דאָס װעלען מיר אַנאָכדעם זעהן...

לײזער: סאָניאַטשקע! ס'איז דאָך געקומען צו אונז אַ גאַסט—לאָז מיר מיט איהם רײדען!—דײנע חשבונות מיט מיר װעסט דאָך דערנאָך אױך קאָנען בעװײזען...

סאָניאַ: דערנאָך װעסט זיך דאָך, מסתמא, װײטער אַרױסקױלעצען בײַ דײנע שרײַבערײַ און ניט האָבען קײן צײַט מיר אפילו אַ װאָרט צו ענטפערען...

יאָסעל: נאָך מײנער מײנונג דאַרפסט איהר גאָר שטאָלצירען מיט דעם, װאָס אײער לאָזאַר האָט קײן צײַט ניט מיט אײך צו רײדען...
(געדריקטע פױזע).

לײזער (קוקענדיג אין פענסטער): יאָסעל, קום נור אַקאָרשט אַהער! זעה—װאָס פאַר אַ פאַרב האָט אײגענטליך איצט די זון?

יאָסעל: אָט איך האָב שױן דאָס מאַקע אױך פריהער װעגען דעם געקלערט. איך װײס אַלײן אױך ניט, װאָס פאַר אַ מין פאַרב דאָס איז—עפּעס ניט רױט און ניט רױז...

לײַזער: דו ווייסט, ווי איך וואָלט זיך מיר אויסדריקען? — און די זון זעהט אויס ווי אַ שעמעוודיגע מײַדעל, ווען מען חאַפּט איהר בײַ אַנ׳עברה ...

יאָסעל (ענטוזיאַסטיש): ריכטיג! אַנ׳אמת׳ע גוטע אויס-דריקע—אויסגעצייכענט! איך וועל זיך מיר שוין דאָס אָט טאַקע בײַ זיך פערצייכענען (ער נעהמט ארויס זײַן נאָטיץ-ביכעל און שרייבט): דאָס וועט מיר נאָך קאָנען צונוץ קומען אַמאָל אין אַ ליעד.

סאָניאַ: איהר האָט שוין ווען געזעהן אַ מײַדעל אין אַזאַ פּאָזע? —

יאָסעל: מ׳קאָן זיך פאָרשטעלען, ווי זי זעהט דאַן אויס. (ער לייגט אַרײַן דעם נאָטיץ-ביכעל צוריק אין קעשענע): קומט, לאָמיר גאָר געהן שפּאַצירען! מיר וועלען זעהן דעם זונען-אונטערגאַנג, ווי ס׳שפּיגלען זיך דאַן אָב די שטראַהלען איהרע אין דעם שטראָמענדען טײַך—דאָס איז אַזוי שעהן!

לײַזער: מיר ווילט זיך איצט שרײַבען אַביסעל איך האָב זיך מיר פריהער אָבגעשטעלט אין אַ רעכטען מיטען—וויל איך דאָס איצט צופיהרען צו אַ וועלכע ס׳איז ענדע.

יאָסעל: טאָ קומט איהר, סאָפיאַ אָסיפּאָוונאַ, לאָמיר בײדע געהן!—ער וועט זיך דאָ דערווײַל קאָנען גאַנץ רוהיג שרײַבען—

סאָניאַ: לאַזאַר! וויפיעל אַ זייגער האָבען מיר נעכטען געשפּאַצירט?

לײַזער: אַכט.

סאָניאַ: און וויפיעל איז איצט דער זייגער?

לײַזער: האַלב זיעבען.

סאָניאַ (צו יאָסלען): ניין; ב׳זעל איך איצט ניש געהן. מיר וועלען היינט שפּאַצירען איך אין דער זעלבער צייט ווי נעכטען.

יאָסעל: איז דאַן מוז איך אַריין געהן. אַדיע.

(ער געהט אַוועק. לייזער בעגלייט איהם און זעצט זיך דערנאָך ווידער שרייבען. קלייניע פּויזע).

סאָניאַ: דו ווייסט, לאַזאַר, אַז דיין יאָסעל איז גאָר אַ קנאַפּער חכם?

לייזער (שרייבענדיג): קיין נאַר איז ער אַוודאי ניט.

סאָניאַ: און איך מיין, אַז ער איז גאָר אַ גרויסער נאַר.

לייזער: אין וואָס, דהיינו, האָסטו דאָס אַזוינס אַרויסגעזעהן זיין נאַרישקייט?

סאָניאַ: אין אַלעדינג. (פּויזע)

סאָניאַ: הער זיך איין, לאַזאַר! נעהם איצט און בייס וואָס צו — מיר דאַרפען דאָך שוין באַלד געהן...

לייזער: לאָז מיר אַ ווייל'ע שרייבען!

סאָניאַ: וואָס? — און שפּאַצירען — מיינסטו — וועלען מיר שוין דאָס גאָרניט געהן?

לייזער: אָט דאָס וועט דאָך פון אונז ניט אַנטלויפען. ערשטענס, מוז איך איצט דאָ וואָס ס׳איז אויפשרייבען, און צווייטענס וויל איך אויפוואַרטען דעם בריעף-טרעגער...

סאָניאַ: צו מיר אָבער האָט דאָס קיין זאַך ניט, אָט פונקט אַבט אַזייגער מוזען מיר געהן — ס׳מעג זיין וואָס ס׳איז... איך געה זיך מיר שוין טאַקע צורעכט מאַכען. (זי געהט אַרויס אין אַנ־אַנדער צימער. קליינע פּויזע. פון פאָדער-צימער הערט זיך אַ קלונג. לייזער לויפט האַסטיג אַרויס און געהט גלייך אַריין צוריק מיט אַ צייטונג אין האַנד. מיט ציטערדיגע הענד עפענט ער אויף דעם בלאַט און לויפט דאָס דורך מיט די אויגען).

לײַזער (מיט אַ ווילדען אויסגעשריי): איך בין נע־דרוקט! — באָניאַטשקע! (ווען סאָניאַ באַווייזט זיך אין טהיר פון צימער, לויפט ער צו איהר צו און פאַנגט איהר אָן צו קושען): אָ, ווי גוט מיר איז!!...

סאָניאַ (באַפרייענדיג זיך פון איהם): וואָס איז מיט דיר?! — ציי דו בינסט פון זינען אַראָב!...

לײַזער: נאַרעלע, הײַנט איז דאָך דער שענסטער, בעסטער טאָג פון מײַן לעבען!—הײַנט בין איך דאָך צום ערשטען מאָל אַ טאַטע געוואָרען — —

סאָניאַ (שטאַרק פערוואונדערט): וואָס? ! —

לײַזער: — מײַן טײַערען קינד האָב איך הײַנט צום ערשטען מאָל אויף דער ליכטיגער וועלט אַרויסגעלאָזען—אַלע וועלען דאָס איצט זעהן...

סאָניאַ: וואָס דולסטו דאָ הײַנט? — וואָס פאַר אַ קינד האָסטו? ! —

לײַזער (ווײַזענדיג אויפ'ן צײַטונג): אָט־אָט איז מײַן קינד—הער זיך אײַן! (ער לעזט זעהר אויפ־געררעגט): „אַנ'אויפרוף צו גוטע אידען! רחמנים בני רחמנים! האָט רחמנות אויף אַנ'אומגליקליכען אידען, וועלכער געפינט זיך אין זעהר אַ שווערע לאַגע—אָ, כ'קאָן פון גרוים שמחה ניט לייענען אפילו...

סאָניאַ: גיעב, כ'וועל דאָס אַליין איבערלייענען! (וויל נעהמען דעם צײַטונג).

לײַזער: ניין, ניין, ניין—כ'לייען שוין ווײַטער (ער זעצט זיך אַוועק און לעזט):—שמעריל באָרד, אַ איד אַ הענדלער, איז שוין אַ יאָהר צײַט פאַראַליזירט. ער האָט זעהר אַ גרויסע פאַמיליע און זיי געהען אַלע אוים פשוט בוכשטעבליך פון הונגער, פון פאַקטישען שטענדיגען הונגער. אין איין שענעם, העלען פריה־מאָרגען וועט מען זיי אַלעמען גע־

װיס געפֿינען געחלש׳טע, און די יונגסטע קינ־
דער — אפשר איך געשטאָרבענע פון הונגער.
דער בעל־הבית זײַנער, אײנער פון אונזערע
טײַערע בארמהערציגע אידעלעך, װאַרפט זײ אַ־
רויס פון דירה. די לאַגע איז שױדערהאַפט־
שרעקליך, גרױזאַם־טרױעריג. אידען! פערזאַמט
ניט מיט אײער גיכע הילף!"

סאָניאַ: אָט דאָס איז גאָר! אַזאַ נאַרישקײַט האָט
דיר דאָס אַרײַנגעבראַכט אין אַזאַ משוגענעם
עקסטאַז!

לײַזער: סאָניאַטשקע! װאָס רעדסטו גאָר!! —
יעדער אות פון דאַנען איז דאָך פון מײַן טיע־
פען האַרצען אַרױסגענומען... דאָס זענען דאָך
מײַנע קינדערלעך, מײַנע טײַערע פױגעלעך,
װעלכע זענען צוריק צו זײער טאַטען געקומען
אָבצוגעבען איהם דעם ליעבען, האַרציגען „שלום־
עליכם"... נײן, דו קאָנסט דאָס גאָרניט פיהלען,
װאָס איך פיהל איצט... דיר איז דאָס אינגאַנצען
פרעמד... אָ, װען דו װאָלסט אױך געװען אַ
קינסטלערין, װאָלסטו שױן פערשטאַנען, װאָס איך
לעב איצט איבער, װאָס בײַ מיר אינעװײניג קומט
איצט פאָר...

סאָניאַ: און איך זעה דאָ פאָרט קײַן זאַך ניט.
אַ געװעהנליכער, אײנפאַכער אױפרוף.

לײַזער: אַ געװעהנליכער, אײנפאַכער אױפרוף! —
האַ־האַ־האַ. און איך האָב דיר דאָס געהאַלטען
פאַר אַ גרױסע מבינ׳טע אױף ליטעראַטור!...
אדרבה, שטודיר דורך יעדעס װאָרט בעזונדער,
װעסטו זעהן, װיפיעל שײנקײַט, װיפיעל װאַרים־
קײַט, װיפיעל פאָעזיע דאָ איז פאַרהאַן! (ער לעזט):
„די לאַגע איז שױדערהאַפט־שרעקליך, גרױזאַם־
טרױעריג" — צי דאַרף מען דען נאָך שטאַרקער,
נאָך העכער זיך אױסדריקען? — אָדער „זײ געהען

אַלע אויס פּשוט בובשטעבליך פון הונגער, פון פּאַקטישען שטענדיגען הונגער. אין איין שענעס, העלען פריה-מאָרגען וועט מען זיי אַלעמען געווים געפינען געחלש'טע און די יונגסטע קינדער אפשר איך געשטאָרבענע פון הונגער..." נו, צי איז דאָס דען ניט פּראַכטפול?

סאָניאַ: און וואָס האָסטו שוין דערפון, אַז ס'איז שוין געדרוקט געוואָרען?

לייזער: וואָס איך האָב דערפון? — וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדנע שאלה אַזאַ? —

סאָניאַ: איך מיין—דאָס איז דאָך געדרוקט געוואָרען און דיין נאָמען איז ניט אונטערגעשריבען—איז קיינער ווייס דאָך ניט אַפילו, אַז דו האָסט דאָס אויפגעשריבען.

לייזער: אַ, אָט דאָס מיינסטו— —איך האָב דאָס גאָר בכיון געמאַכט אַזוי. די ערשטע זאַך מיינע האָב איך געוואָלט זאָל געדרוקט ווערען ניט מיט מיין נאָמען, כדי איך זאָל האָבען די מעגליכקייט צו הערען דעם ריינעם, ריכטיגען אמת וועגען דעם... אָט איצט, זעהסטו, ווען איך וועל איצט וואָס ס'איז אויפשרייבען, וועל איך זיך מיר שוין טאַקע אונטערשרייבען מיט מיין גאַנצען ריכטיגען נאָמען—לייזער פעדער... דו וועסט נאָך אַליין זעהן, ווי מיין נאָמען וועט דאָס געדרוקט ווערען שוואַרץ אויף וויים צוזאַמען מיט די נעמען פון די אַלע גרויסע, בערימטע שריפטשטעלער...

סאָניאַ: דו הויבסט שוין ווידער אָן צו בויען דיינע לופט-שלעסער? —

לייזער: ניין, איצט איז שוין דאָס ניט קיין לופט-שלעסער, איצט איז שוין דאָס אַ זאַך אַ פּאַקטישע. דעם ערשטען, שווערסטען טריט האָב איך שוין געמאַכט — און די איבעריגע וועלען שוין אַליין נאָכקומען... שווער איז מעהר ניט ווי דער אָנפאַנג—

דו ווײסט דאָך: „כל התחלות קשות"—איצט אָבער
האָבען זיך שוין געעפענט פאַר מיר אַלע טהירען פון
דעם הײליגען טעמפעל... איך קאָן שוין דאָרטען
פרײ און מוטהיג אַרײנגעהן...

סאָניאַ: און איצט װעסטו זיך װײטער אַװעקזעצען
בײ דײנע שרײבערײ?—

לײזער: װאָס פאַר אַ פראַגע!—איך געװיס װעל
איצט שרײבען און שרײבען.

סאָניאַ: און װאָס װעל איך דערפון האָבען?

לײזער: װאָס זאָלסטו דערפון האָבען?—דו װילסט
דאָך, פערשטעהט זיך, אַז איך זאָל װערען אַ
װעלט-בערימטער מענש...

סאָניאַ: נײן; כ'װיל דאָס גאָרניט.

לײזער (שטאַרק פערװאונדערט): סאָניאַטשקע! װאָס, װאָס זשע רעדסטו!?—

סאָניאַ: אָט דאָס, װאָס דו הערסט.

לײזער: ס'מײנט? פאַרװאָס?—

סאָניאַ: איך װיל האָבען אַ מאַן, װעלכער זאָל זײן
צו מיר אײפּמערקזאַם, װעלכער זאָל צו-
זאַמען מיט מיר די צײט פערברײנגען—
און ניט זײן פערנומען דאָרטען מיט אַלע
זײנע נאַרישקײטען...

לײזער: נאַרישקײטען!... אָט דאָס רופסטו אָן נאַ-
רישקײטען!—

סאָניאַ: כ'דאַרף דאָס ניט און כ'װיל דאָס ניט...

לײזער: סאָניאַטשקע! בעטראַכט זיך נור אַלײן, װאָס דו
רעדסט דאָ!—מיר װעלען שטאַרבען, פון אונזערע
קערפּערס װעט שוין לאַנג קײן זכר ניט בלײבען...
מײנע װערק אָבער װעלען דאָך אײביג לעבען...
אײביג װעט מען מיך דערמאָנען—און צוזאַמען
מיט מיר װעט מען דאָך אויך דיך דערמאָנען...
הײנט װעה װײטער—מיר זיצען זיך דאָ און פערברײנ-

גען זיך — עסען מיטאָג, טרינקען טיי — און אין דער זעלבער צייט זיצען מענשען און שטודירען מיינע ווערק, גריבלען זיך אין יעדעס וואָרט בעוואונדערן... נו, צו דאַרף מען דען נאָך אַ גרע־סערן, נאָך אַ בעסערען פערגעניגען ווי דאָס איז? —

סאָניאַ: איך וויל גאָרניט קלערען וואָס ס'וועט זיין מיט מיר נאָכ'ן טוידט — איך וויל איצט לעבען...

לייזער: אָט איך רייד דאָך טאַקע אויך וועגען דעם איצטיגען לעבען. צו דען זענען מיר אויסדער־וועהלטע בעשאַפען געוואָרען אויף צום לעבען אַזאַ לעבען, אָט ווי די אַלע קליינינקע מענשעלעך לע־בען — עסען, טרינקען און שלאָפען, ווייטער עסען, טרינקען און שלאָפען און אָבער עסען, טרינקען און שלאָפען?... ניין! מיר זענען בעשאַפען געוואָרען אויף צום לעבען אַנ'אידעאַלען לעבען, און ניט אַזוי ווי אַלע קליינינקע ווערימלעך...

סאָניאַ: ווער איז דאָס די „מיר" וואָלט איך וועלען וויסען —

לייזער: אָט מיר אַלע, וועלכע שטעהען העכער פּונ'ם נידעריגען, ערדישען לעבען — וועלכע קוקען ווייט און טיעף...

סאָניאַ: און איך? איך וואָס זאָל טון? —

לייזער: דו? — געניסען פון מיין זכות... יאָ, אין גמרא ווערט דערצעהלט, אַז די צדיקים זיצען אין גן־עדן אויף גין־גאָלדענע שטוהלען, און די פרויען זענען ביי זיי אַלס פוס־בענקעלעך... (צו זיך אַליין): אָ, ווי רייך דאָס איז זיך אויסגעדריקט! דאָס קאָן דאָך זיין אַ גרויס־אַרטיגע טהעמאַ אויף אַ שיינע פּאָעמאַ...

סאָניאַ: איז די פרויען, הייסט דאָס, זענען מעהר ניט ווי דעם מאַנ'ס פוס־בענקעל אויף צו טרעטען זיי מיט די פיס? —

לייזער: מהו מיר אַ טובה און שווייג איצט!—ס'איז איצט אַ שטימונג ביי מיר אויף צום שאַפען וואָס. (ער זעצט זיך בײַם טיש שרייבען): לאָז, לאָז מיר איין ווײַלינקע רוהיג!

סאָניאַ (מיט כעס): איך וועל דיר שוין, דוכט מיר, איינגאַנצען רוהיג לאָזען...(זי גייט שנעל אַרויס פון צימער. לייזער שרייבט, ציילט די זילבען, זוכט ווערטער צום גראַם א. א. וו.).

לייזער (נאָך אַ לענגערע פּויזע): סאָניאַ! סאָניאַ!

סאָניאַ (פון צימער): וואָס ווילסטו שוין דאָרטען?

לייזער: דו ווייסט אַ נייעס?—כ'האָב דאָך איצט גאָר אָנגעהויבען אַ ליעד צו שרייבען... נו, קום אַקאָרשט אַהער!—דעם אָנפאַנג קאָן איך דיר שוין פאָרלעזען—איז געהכטו?—

סאָניאַ (אַרייַנגעהענדיג): נו, אַט בין איך.

לייזער: הער זיך איין! (ער שטעלט זיך אַוועק און לעזט מיט גרויס פּאַטאָס):

צום פּאָעט!

דו מענש, דו בינסט אַ פּאָעט!
אוועק וועסטו ווייט העט-הויט.
הייך, ווי די שטערען אין הימעל;
מיעף, גלייך מיט די געווימעל.

נו, ס'איז גוט—האַ? (פון פאָדער צימער הערט זיך אַ קלונג).

סאָניאַ: שרייב אַקאָרשט פריהער איינגאַנצען אויף. (זי גייט אַרויס אין פאָדער-צימער און קומט גלייך אַריין צוריק): שמעריל באָרד איז געקומען.

לייזער: שמעריל באָרד!... וואָס דאַרף ער?—

סאָניאַ: איך ווייס אויך ניט. ער דאַרף דיר האָבען—זאָגט ער.

לייזער: און דו האָסט איהם געזאָגט, אַז איך בין אין שטוב?—

סאָניאַ: ני, יע. פאַרוואָס זאָל איך איהם דען ניט זאָגען?

לייזער: וואָס קאָן ער אייגענטליך מיר דאַרפען?...
מילא, היים איהם אַריינגעהן! (זי עפענט די טהיר און בעט איהם אַריין).

שמערל (אַריינגעהענדיג): גאָט העלף אייך!

לייזער: גוט יאָהר. וואָס גוטס?

שמעריל: ביי אַן׳אָרימאַן דאַרף דאָך שוין זיין גוטס. טאָמער האָט מיר נאָך אויסגעצעהלט צום רומעל אַביסעל צרות—האָב איך שוין, ברוך השם, דאָס היינט אייך געקראָגען.

לייזער: וואָס איז דאָס פאַר אַ מעשה?

שמעריל: וואָס פאַר אַ מעשה זאָל זיין? — דעם היינטיגען בלאַט האָט איהר דאָך שוין אַודאי געלייענט—האַ?

לייזער: טאָ איז וואָס?

שמעריל: האָט איהר דאָך שוין, מסתמא, געזעהן דעם שקר-בלבול, וואָס דאָרט איז אויפגעפאַטשקעט געוואָרען וועגען מיר—נו, וואָס זאָגט איהר צו אַזאַ מעשה?

לייזער: זעצט זיך אַקאָרשט פריהער צו און דערצעהלט מיר גאַנץ רוהיג, וואָס האָט דאָרטען ביי אייך געטראָפען! (ער דערלאַנגט איהם אַ שטול).

שמעריל: אַדאַנק, ס׳איז ניט נויטיג—למאי זאָלט איהר זיך מטריח זיין? (ער זעצט זיך): וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען וואָס? דער ים האָט עפּיס אַ גרונט—אָט אַזוי האָבען אַ אַ גרונט מיינע צרות... איך בין דאָך איצטער אַן׳אויסגעקאָכטער...

לייזער: איך וויים דאָך נאָך אָבער אַלץ ניט, וועגען וואָס איהר רעדט דאָ —

שמעריל: ני, ווייטער די זעלביגע מעשה! דעם היינטיגען בלאַט האָט איהר שוין געלייענט?

לייזער: דעם היינטיגען?... יאָ.

שמעריל: נו, האָט איהר דאָך שוין געזעהן, וואָס דאָרטען איז וועגען מיר געשריבען.

לײזער (הס'עװאַסטע): װעגען אײך גאָר איז דאָרטען געשריבען?

שמעריל: װי? איהר װײסט דאָס גאָרניט? — (ער װיל אַרױסנעהמען פון קעשענע דעם צײטונג, נור ער בעמערקט, אַז בײ לײזערן אױפ'ן טיש ליגט אײך דער זעלבער צײטונג. ער דערלאַנגט דאָס אַ חאַפּ און דערלאַנגט איהם): נאַט, אָט איז דאָך בײ אײך אײך דער זעלביגער צײטונג — לײענט דאָס טאַקע אַדרבה דורך! (לײזער נעהמט דעם צײטונג און מאַכט זיך לײענענדיג).

סאָניא: װער האָט דאָס געקאָנט אױפשרײבען?

שמעריל: הערט איהר — זאָלט איהר מיר שטאַרק און געזונד זײן — אָט דאָס איז דאָך די גאַנצע צרה, װאָס איך װײס ניט, װער דאָס איז געװעזען מײן מלאך־המות און געקאָנט דעם אױפפּאַטש־קענען װעגען מיר אַזאַ זאַך... װען איך װאָלט דאָס געװאוסט, װער ס'האָט מיר דאָס אַזױ מערקיש אָבגעטון — װאָלט איך איהם דאָך אױפ'ן מיטען גאַס אָט װי אַ הערינג צעריסען. דאָס איז דאָך פּשוט גענומען און מיר אױעק־געקײלעט אָהן אַ מעסער...

לײזער (אױסקלײַנענדיג דעם צײטונג): און אפשר האָט ער דאָס גאָר אַמאָל געמײנט אײער טובה? —

שמעריל: װער?

לײזער: אָט דער, װער ס'האָט דאָס אױפגעשריבען.

שמעריל: אַ רוח אין זײן טאַטענס קינד אַרײן! — װי קומט דאָס גאָר צו אײך אַזאַ מין שטות צו רײדען? — איהר האָט ניר געהערט אַ־ביסעל — אַ שעהנע טובה מיר געטון!...

לײזער: כ'װײס — אפשר... אַמאָל...

שמעריל: װאָס רעדט איהר גאָר װאָס! דאָס איז דאָך גאָר עפּעס אַזאַ מין צרה, אַזאַ מין מכה אשר לא כתיבה בתורה... איהר האָט נור געהערט אַביסעל — איך װעל דאָך איצט אין ערגעץ ניט

קריגען קיין קאָפּיקע צו ליי׳ען—אַלע וועלען דאָך מיינען, אַז איך בין טאַקע אין דר׳אמת׳ן אַזאַ אָרימאַן ווי אָטאָ־דאָ שטעהט... היינט וואָלט איך אייך ווינשען צו זעהן, וואָס פאַר אַ מין חורבן ביי מיר אין שטוב איז דאָס איצט! — אַז תשעה באב, זאָג איך אייך, איז גאָר, להבדיל, אַ הונד אַנטקעגען דעם... דער טייערער בעל־הבית מיינער האָט זיך דאָך גאָר געפּונען בעליידיגט. „סטייטש— שרייט ער—אַזוי מיר צו בעליידיגען איז דאָס גאָר וואו געהערט געוואָרען!"—ער מיינט גאָר נישט אַנדערש, אַז איך אַליין האָב דאָס אויפגעשריבען... היינט די עלטסטע טאָכטער מיינע—איהר האָט גאָר אָנגעבאַפּט די ספּאַזמען. זי האָט דאָך איצטער, פערשטעהט איהר מיך, אַ חתן—האָט זי דאָס דערינבער מורא, אַז ער זאָל צוליעב דעם גאָר אַמאָל דעם שידוך ניט אָבלאָזען... איך זאָג אייך, אַז ס׳איז דאָרטען אַ גאַנצע יעלה ביי מיר...

לייזער: טאָ וואָס ווילט איהר אָבער איצט פון מיר האָבען?

שמעריל: וואָס זאָל איך פון אייך וועלען האָבען?— אָט עפּעס אַ קליינינקע טובה׳לע וואָלט איך אייך וועלען בעטען —

לייזער: דהיינו וואָס?

שמעריל: איך וויל איצט אָבלייקענען די גאַנצע מעשה האַק און פּאַק...

לייזער: טאָ וואָס אָבער האָט דאָס צו מיר?—

שמעריל: אָט וויל איך אייך דאָס טאַקע בעטען, אַז איהר זאָלט אַזוי גוט זיין און זיך מטריח זיין דאָס מיר איפּשרייבען!

לייזער: איהר האָט דאָך שוין רעכטע קינדער— טאָ פאַרוואָס קאָנען זיי דאָס אַליין ניט איפּשרייבען?

שמעריל: מיינע קינדער!... זיי דאַרפען זיך דאָך הרג׳ענען, שלאָגען זיך און בייסען זיך... טאָמער

האָט די טאָכטער מײַנע שוין יע אויפגעשריבען, האָט דער בן מײַנער אָנגעהויבען צו שרײַען אין איין קול, אַז ס'טויג ניט—ווען ער האָט אויפגע-שריבען, האָט זי גענומען קוויטשען אַז ס'טויג ניט—טראַכט איך זיך מיר: הענגט זיך און טרענקט זיך ביידע צוזאַמען אַבי לאָזט מיר געמאַך... איך וועל בעסער צוגיין צום פּאַניע פעדער,—פאָרט ווי מ'זאָגט—אַן'אַלטער בעקאַנטער, אויף די אייגענע הענד איהם אַליין דאָך אויסגעהאָדעוועט—און איהם בעטען, אַז ער זאָל מיר די טובה טון און דאָס מיר אויפשרייבען!—און ער וועט שוין דאָס דאָך טאַקע אויפשרייבען כדבעי'דיג...

לײַזער: וואָס האָבען דען אײַערע קינדער געהאַט געשריבען?

שמעריל: אָט איך האָב דאָס טאַקע איף אַ טשע-
קאַוועס מיטגעהאַפּט מיט זיך—טאָמער,
טראַכט איך זיך מיר, דאַרף מען דאָס אַמאָל
איבער'עט האָבען. (ער זוכט אין די קעשענעס):
אָט איז עס (ער דערלאַנגט איהם פּאַפּירלעך).

לײַזער (לייענט עפּוואָס אין דער הויך): „אַ בריעף אין רעדאַקציע. אין אײַער בורזשואַזנעם אָרגאַן דרוקט זיך אַבסאָלוטע ליגענס. די גאַנצע געשיכטע מיט'ן ה נדלער שמעריל באָרד, וואָס איז געדרוקט געווען אין אײַער צײַטונג, איז פון אָנפאַנג ביז'ן ענדע אַ מאוס'ער ליגען. דאָס איז אַ ניט-געהערטער סקאַנדאַל. וועלען בעשמוצען אָרימע אָבער ערליכע לײַט איז אַ גרויסע שאַנדע. מיר קאָנען ניט מיט'ן גרעסטען פעראַכטונג הויך אויסרופען: נידער מיט די ליגענס!“—ווער האָט דאָס אויפגעשריבען?

שמעריל: דאָס האָט געשריבען מײַן בײַערע זוהנעלע. נו. וואָס זאָגט איהר איף דעם?

לײַזער: פערשטעהט זיך, אַז ס'טויג ניט.

שמעריל: איז דאָך מײַן טאָכטער עפּעס יאָ אַ שטיקעל מבינ׳טע. זי פערשטעהט דאָך גאָר אַנ׳ענין.

לײזער (קוקענדיג אין אַ צווייטען פּאַפּירעל): און דאָס ווער האָט אויפגעשריבען?

שמעריל: דאָס איז שוין מײַן טאָכטערס אַרבּײַט.

לײזער (לעזט): „האָכגעשעצטער אונד פיעל געעהרטער העררר רעדאַקטאָר! ערלויבען זיא מיר, ליעבער העררר, אין זייער ווערטהע צייטונג אייניגע וואָרטען צו שפּריכען — (צו זיך אַליין מיט אַ טאָן פון בטול): דײַטש!...

שמעריל (מיט שטאָלצקייט און צופרידענהייט): דײַטש.

לײזער (לעזט ווייטער): — אין זייער ווערטהע צייטונג האבּע איך, צו מײַן גרעסטען און טיעפסטען בעדויערונג, איינע זאכע געלעזען, וועלכע איז, ענטשולדיגען זיי מיר פאַר די אונהעפליכע אויסדריקע, נישט גאַנץ וואַהר. די געשיכטע מיט׳ן האַנדעלס־מאַן שמעריל באָרד... (די איבעריגע לעזט ער שוין אין דער שטיל פאַר זיך אַליין): ניין, דאָס טויג אויך ניט.

שמעריל: וואָס דען? — איך האָב זיי דאָך אָבער גלייך געזאָגט, אַז זיי האָבען זיך גאָרניט איבער וואָס צורייסען, זיי זענען בײדע גלײַכע יחכנים — זיי קענען בײדע ניט. אָט, זאָג איך, וועל איך טאַקע צוגעהן צו מײַן לײזערלען, און ער וועט שוין דאָך דאָס מאַכען „קאָק סלעדוֹיעט".

לײזער: איך קאָן זיך מיר דאָס אויך ניט אָננעהמען...

שמעריל: זאָלט איהר געזונט זײַן — בײַ אייך איז דאָס דען פון די שווערע זאַכען? — אײַך האַלט׳ען דאָך אַלע פאַר אַ גאַנצען כפרא רבא.

לײזער: כאָ כבדר אַקאָרשט — וואָס זשע ווילט איהר, זאָל איך אייך אויפשרייבען?

שמעריל: ראשית חכמה וואָלט איך וועלען אָט
דעם מלאך המות מײַנעם אַזוי גוט אויס־
צוזאָגען, אַז ער זאָל זיך האָבען צו קראַצען
האָבש פינף יאָהר צײַט—ער האָט דאָך
מיר אומגליקליך געמאַכט... והשנית וואָלט
איך וועלען אָבלײַקענען די גאַנצע מעשה
שבײַן און בײַן...

לייזער: נײַן; איך קאָן זיך מיר דאָס פאָרט ניט
אָננעהמען, אייף זידלען זיך בין איך קיין
מײַסטער ניט.

שמעריל: איך בעט אײַך—טוט דאָס מיר די טובה
און שרײַבט אויף האָבש ווי ס'איז! בײַ
אײַך איז דאָס דען פון די גרויסע זאַכען? —
איינס און צוויי און שוין דאָך פאַרטיג.

סאָניא: לאַזאַר! דו האָסט דאָך גאָר איצט קיין צײַט
ניט· דו מוזט דאָך שוין צוגעהן אָט ווייסט
דאָך וואו...

שמעריל: מאַדאַמינקע! אָט שוין, שוין—ווי לאַנג
דאַרף איהם דען דאָס דויערען?—אַז מ'זאָל
קיין אידען ניט איבערהעלפען אין אַ צרה—ובפרט
נאָך, ווי מען זאָגט דאָס, אַנ'אייגענעם
מענשען—איז דאָך שוין גאָר די וועלט קיין
וועלט ניט...

לייזער: איך קאָן אײַך אויפשרײַבען דרײַ ווערטער,
אַז די זאַך איז ניט אַזוי ריכטיג און פאַרטיג.

שמעריל: נו, כאָ טוט שוין אַזוי, ווי איהר ווילט.
וואָס קלערט איהר וואָס, דער מענש איז
גענוג געשטראָפט, אַז ער האָט ניט קיין
פען אין האַנד...

לייזער (נעהמענדיג פאַפיר): זאָגט שוין, וואָס זאָל איך
אײַך שרײַבען!

שמעריל: איהר ווייסט דאָך דאָס אַליין אויב'עט—
צי אײַך דאַרף מען דען דאָס אויך זאָגען?...

ערשטענס שרייבט, אַז די מעשה דאַרטען,
דאָס איך בין פּאַלעציִרט איז א גאַנצער
ליגען... פּאַלעציִרט זאָלען בעסער ווערען
מיינע שונאים, וועלכע האָבען זיך אָנגעזעצט
אויף מיין לעבען מיר אומגליקליך צו מאַכען!...
איהר האָט נור געהערט אַביסעל—אָנצושריי-
בען וועגען מיר אין בלאַט אַזאַ ליגען!—
אָ, ליגען זאָל ער שוין, אָט דער שרייבער
דאָרטען, צעהן קלאַפּטער אין דר'ערד אַריין!...

לייזער: איך בעט אייך—ביי מיר אין שטוב אַזעלכענע
קללות ניט צו רייִדען!

שמעריל: אַז איהר קאָנט זיך אָבער גאָרניט פאַר-
שטעלען, ווי מיר איז איצטער—פוי בריק אין
וואַכער... איך קאָן דאָך איצט — (ס'געהט
אַ ריין גרונע).

גרונע: אָט זיצט זיך דאָ דער תכשיט מייער ווי
אַ פּריץ גאָר אַ גאַנצער. אין שטוב קאָכט
ווי אין אַ קעסעל-גרוב און ער „מוזירט“
זיך גאָר דאָ...

שמעריל: פערמאַך שוין דיין פּיסק, דו נאַרעשע אידענע!
דער פּאַניע פעדער שרייבט מיר דאָך דאָס
אויף, וואָס———

לייזער: טאָ זאָגט שוין, וואָס איך זאָל שרייבען!

שמעריל: שרייבט, זייט אַזוי גוט, אַז איך בין גאָר-
ניט אַזאַ אָרימאַן, ווי אָט דאָ אָ שטעהט.

גרונע: ער איז דאָך גאָר דער אַנדער רויטשילד...

שמעריל: דו שוויַג—זאָגט מען דיר דאָך. וואו
מענשען רייִדען דאַרפסטו זיך גאָרניט אַריינ-
מישען. (צו לייזער'ן): און דער עיקר אַ-
קאָרשט—וועגען בעל-הבית זאָלט איהר
נישט פערגעסען אַריינצושרייבען! שרייבט,
אַז ער וויל אונז גאָרניט אַרויסוואַרפען—

טאָמער זאָל איך דאָס, חס וחלילה, ניט שרייבען,
ווערט ער אונז טאַקע אין דר׳אמת׳ן ארויסוואַרפען.
גרונע: אָ, אין קדחת זאָל איהם שוין וואַרפען, האַרצעניו-
פּאָטעריל!
שמעריל: שוויַיג דו! (צו לייזער׳ן): שרייַבט, אַז דער
בעל-הבית איז גאָר מיט אונז לעילא ולעילא.
גרונע: יע, אַכטצעהן און דרייַצעהן...
לייזער: טומעלט מיר ניט! איך קאָן דאָך ניט
שרייַבען, אַז איהר טומעלט.
שמעריל (צו גרונען): אַדאַ, זעהסט... ווייַטער שרייַבט,
אַז מייַנע קינדער זענען, אַ דאַנק דעם הענט-
ניט-געוואַשען, גאַנצע פערדיגענער, און
שטאַרבען פון הונגער דאַרפען מיר ניט—
שטאַרבען זאָל בעסער אָט דער, ווער ס׳האָט
אונז צום שטראַנד געבראַכט!...
גרונע: אָ, ער זאָל שוין אפילו צו תחית המתים
ניט קאָנען אויפשטעהן!
שמעריל: שוין!... ווידער?—און וועגען בעל-הבית
זאָלט איהר, למען השם, נישט פערגעסען.
איהר ווייסט דאָך די הייַנטיגע בעלי-בתים...
לייזער: אָט איז עס. איך האָב שוין, דוכט מיר,
אַלסדינג אויפגעשריבען, (ער לייענט פאָר):
הערר רעדאַקטאָר! אין דעם נעכטיגען נומר פון
אייער ווערטהע צייַטונג איז געדרוקט געוואָ-
רען אַ בעמערקונג מיט׳ן נאָמען: „אַני-אויפרוף
צו גוטע אידען", און דאָרט איז געשריבען,
אַז איך ליעג שוין אַ יאָהר צייַט פּאַראַליזירט;
אַ בעל-מטופל מיט אַ גרויסע פאַמיליע,
וועלכע געהען אַלע אוים פון הונגער. אין
איין שענעם, העלען פריה-מאָרגען וועט מען
זיי אַלעמען געפינען געשטאָרבען א. אז. וו.
איך פון מיין זייַט האָב זיך דערוואוסט
פון מייַן טוידט-שרעקליכע לאַגע פון דעם
אונבעוואוסטען, גוטהערציגען...

שמערל: אַזאַ יאָהר אויף אִיהם, וואָס פאַר אַ גוט־הערציגער עֶר אִיז דאָס!...

לייזער: לאָזט לייענען!— —פון דעם אונבעוואוסטען, גוטהערציגען מחבר פון דעם אַרטיקעל. איך דאַנק אִיהם זעהר...

שמערל: פערשטעהט זיך, אַז איך דאַנק אִיהם— און ווי נאָך?—מיט אַ קויל אין האַרצען...

לייזער: איך האָב דאָך אַייך געזאָגט, אַז— —

שמערל: גוט־גוט; לייענט שוין ווייטער!

לייזער: ——איך דאַנק אִיהם זעהר, נור איך מוז מעלדען, אַז דאָס, וואָס דאָרט אִיז געשריבען, אִיז ניט ריכטיג.

שמערל: און שייך ניט ריכטיג!...

לייזער: איך בין ניט געפּאַראַליזירט און געה אַרום און האַנדעל. מיינע קינדער זענען איינגעאָר־דענטע און פון הונגער זענען מיר, חס וחלילה, ניט געשטאָרבען. אין דער דירה וואוינען מיר שוין צוועלף יאָהר און די אויפטראַגע צווישען אונז מיט'ן בעל־הבית אִיז זעהר אַ גוטע. מיט אַכטונג... (צו שמערלען): אָט דאָ נעהמט און שרייבט זיך אונטער אַייער נאָמען!

שמערל: שרייבט שוין דאָס, זייט מוחל, אַליין אונטער! איך האָב פערגעסען מיינע ברילען אַהיים.

(ווען לייזער זעצט זיך שרייבען, לויפט האַסטיג אַריין יאָסעל).

יאָסעל: מזל טוב דיר, לייזער! פון היינט מאָל אָן זאָלסט זיך שוין דרוקען און דרוקען! דער אויפרוף דיינער אִיז אַזאַ גוטער, אַזוי וואויל אָנגעשריבען, אַז ער מוז אויף יעדען מאַכען דעם שטאַרקסטען איינדרוק...

לייזער (מיט אַ באַשעמטען טאָן): אָבער גענוג שוין, יאָסעל!

יאָסעל (שטאַרק פערוואונדערט): וואָס הייסט עפּעס—

געגנוג שיין?! — ציִ ביי דיר איז דאָס גאָר אַ קליינע שמחה?... צום ערשטען מאָל בינסטו דאָך היינט געדרוקט געוואָרען!... וואָס מאַכסטו זיך דאָ היינט פאַר אַזאַ ענוי?... אין דער גאַנצער וועלט ליינט מען דאָך היינט דעם אויפרוף, וואָס דו האָסט אויפגעשריבען...

שמעריל (צו יאָסלען): זייט זשע מוחל, יונגער מאַן! — איך וויל ביי אייך וואָס פרעגען, וואָס פאַר אַן'אויפרוף איז דאָס? —

יאָסעל: אָט אין דעם היינטיגען בלאַט איז אָבגעדרוקט געוואָרען זיינער אַן'אויפרוף וועגען איינעם אַ שמעריל באָרד...

ליזער און סאָניאַ (מיט אַ פערצווייפעלטען אויסגעשריי): יאָסעל!

שמעריל (מיטלענדיג מיט'ן פינגער אויף ליזער'ן): איהר?!...

גרונע (פערברעכענדיג מיט די הענד): אַ קלאָג צו די בייזע מעשים!...

פאַרהאַנג.

רעפערטואר
ווילנא

[redacted]

פרייז 15 קאָפּ.